ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 62

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## וואס איז די יסוד פון הצלחה אין א נייע ביזנעס?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך הער און איך ליין אלע שיעורים און איך באלעק זיך ממש מיט יעדעס ווארט, יישר כח.*

*איך האלט יעצט אינמיטן עפענען א נייע ביזנעס, און איך האב געוואלט בעטן אן עצה און א ברכה. וואס איז די יסוד צו הצלחה?*

*אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען מיר ביטע זאגן וואס צו טון, און ביטע נישט צו שווערע זאכן, ווייל איך וויל עס קענען מקיים זיין.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת צו, ח' ניסן, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### מנין - רעדן איידל - בענטשן אינעווייניג

זיי שטארק מיט דאווענען די דריי תפילות מיט מנין, מוהרא"ש זאגט: "ווער עס דאווענט מיט מנין - וועט האבן א דבר שבמנין", ער וועט האבן גרויס שפע.

רעד נישט קיין ניבול פה, רעד איידל צו יעדן איינעם. דער רבי זאגט (ספר המדות אות צניעות, סימן סד): "הַצְּנִיעוּת מְסֻגָּל לַעֲשִׁירוּת", זיך פירן איידל, רעדן איידל - איז מסוגל פאר עשירות.

זאלסט בענטשן ברכת המזון אין א בענטשער, דאס איז מסוגל פאר פרנסה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו (פסחים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מיכה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אמן.

## וועלכע חומרות זענען וויכטיג און וועלכע נישט?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך דאנק דעם אייבערשטן אז ס'איז דא א פלאץ וואו מ'קען פרעגן אלע סארט שאלות, און באקומען אזעלכע קלארע ענטפערס.*

*איך בין אויפגעוואקסן אין זייער א שטארקע פרומע סביבה, מיט פילע חומרות און דקדוקים, און דאס האט מיר געברענגט א שטארקע דערווייטערונג פון אידישקייט, ס'איז געווען צופיל פאר מיר. ביז ווען איך בין אנגעקומען צו די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס רעדט פון פשוטע אידישקייט, פון היטן שבת און לייגן תפלין, און אז דער אייבערשטער וויל מיר זאלן זיין פשוטע אידן, היטן תורה און מצות אן קיין איבעריגע חומרות, און דאס געבט מיר אסאך חיזוק אין אידישקייט.*

*למעשה בין איך אבער געווארן אביסל צעמישט, ווי אזוי ווייסט מען וועלכע חומרות זענען יא וויכטיג, חומרות פון די פריערדיגע צדיקים, און וועלכע חומרות זענען סתם איבעריג און ס'פעלט נישט אויס צו אידישקייט?*

*אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען מיר דאס קלאר שטעלן.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ראה, כ"ה מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דער עיקר אידישקייט איז ווען מען פירט זיך פשוט אן קיין חכמות; "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם, וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", אסאך רשעים וואס האבן פארדרייט די וועלט מיט זייערע טעותים, איז אלעס געקומען ווייל זיי האבן גענוצט זייער חכמה; אפילו די אלע חכמות וואס מען האט אין עבודת

השם האט אויך נישט דער רבי געהאלטן דערפון, ווייל דאס ווארפט אראפ דעם מענטש און צום סוף לאזט מען אלעס אפ, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מען דארף זיך זייער היטן פון חכמות, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", ווייל די אלע חכמות וואס מען האט ווען מען הייבט אן דינען דעם אייבערשטן זענען בכלל נישט קיין חכמות, דאס איז דמיונות, שטותים און קאפ דרייעניש, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דאס מאכט אז דער מענטש זאל אפלאזן זיין עבודת השם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם', 'וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", די אלע וואס זענען פארנומען מיט חכמות און ספיקות זענען שטענדיג מסופק צי זיי האבן יוצא געווען די מצוה אדער נישט - די האבן נישט קיין שום חיות, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זיי זענען שטענדיג דעפרעסט, זיי לעבן אלץ אין ספיקות און די חומרות ווארפט זיי אריין אין מרה שחורה.

אז דו ווילסט וויסט ווי אזוי זיך צו פירן, וואס פאר א חומרא מען דארף יא מקפיד זיין, זאלסטו לערנען אסאך דעם רבינ'ס ספרים וועסטו וויסן וואס יא און וואס נישט. ווייל דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמג): "כְּבָר הָיָה לוֹ חֵשֶׁק כַּמָּה פְּעָמִים לַעֲשׂוֹת הֲלָכוֹת פְּסוּקוֹת עַל הַשֻּׁלְחָן עָרוּךְ לְבָאֵר כָּל דִּין וָדִין בַּהֲלָכָה פְּסוּקָה אוֹ לְהַצִּיג הֲלָכָה כְּדִבְרֵי מִי מֵהַפּוֹסְקִים אֵצֶל כָּל דִּין וָדִין", איך האב געהאט חשק צו מאכן א ספר אויפן שלחן ערוך אנצוצייכענען אויף יעדע הלכה וואס דער דין איז הלכה למעשה, "אַךְ עַכְשָׁו שֶׁיָּצָא זֶה הַסֵּפֶר לְעוֹלָם לֹא יִהְיֶה עִנְיָן הנ"ל", אבער אזוי ווי עס איז ארויס געקומען דער ספר 'ליקוטי מוהר"ן' פעלט דאס שוין נישט אויס.

### דורכ'ן האבן לויטערע אמונה ווייסט מען וועלעכע חומרות איז וויכטיג

מוהרא"ש איז מסביר, וואס פאר א שייכות האט ליקוטי מוהר"ן מיט הלכה, דער ספר ליקוטי מוהר"ן רעדט דאך נישט פון הלכה?! נאר ווען מען איז זוכה צו לערנען אסאך דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן איז מען זוכה צו באקומען א קלארע און לויטערער כח המדמה צו וויסן וואס יא צו טון און וואס נישט צו טון. בפרט אז דו וועסט לערנען די הייליגע בריוון פון ספר "אשר בנחל" וועסטו וויסן ביי יעדע פרט ווי אזוי זיך צו פירן און אלע מצוות וועסטו טון פול מיט שמחה און דביקות בהשם יתברך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

### מעג מען נוצן חנוכה די צוגעגרייטע אויל מיט קנויטן, זיך גרינגער צו מאכן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב געוואלט פרעגן אויב איך מעג קויפן פאר חנוכה די קליינע באטלעך אויל וואס קומט שוין גרייט מיט די קנויטן, זיך צו גרינגער מאכן, אדער עס איז דא אן ענין דווקא אליין אנצוגרייטן די אויל מיט די קנויטן?*
*יישר כח פאר מיין לעבן*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישלח, ט"ו כסליו, שנת תשפ"ד לפרט קטן

**די אלע וואס זענען פארנומען מיט חכמות און ספיקות זענען שטענדיג מסופק צי זיי האבן יוצא געווען די מצוה אדער נישט - די האבן נישט קיין שום חיות.**

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

קענסט קויפן די געמאכטע קנויטן וכו'; דער עיקר זאלסטו זיך פארלייגן צו צינדן די הייליגע חנוכה ליכט מיט שמחה. דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות אות שמחה, סימן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה", ווען א מענטש טוט די מצוות מיט שמחה - "זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", איז א סימן אז זיין הארץ איז גאנץ מיטן אייבערשטן; עס ווייזט אז דער מענטש האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, ער האט ליב דעם אייבערשטן.

**דאס איז דער עיקר אויף וואס מען דארף זיך פארלייגן ביים טון א מצוה, דאס צו טון מיט א פרייליכקייט.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**מעג איך אראפנעמען מיינע ווייסע האר?**
**פארוואס ווען מ'וויל זיין וואויל קומען אלע שוועריקייטן?**

*קוקסט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**